

## וואס איר דארפט וויסן וועגן

# פאליא

**וואס איז פאליא?**
פאליא איז א העכסט אנשטעקיגע קראנקהייט וואס קען פאראורזאכן פאראליזירונג און אפילו טויט אין מענטשן וואס זענען נישט וואקסינירט.

**פארוואס זאל איך זיין באזארגט?**

- אום יולי 21, 2022, איז א פאל פון פאראליזירנדע פאליא באשטעטיגט געווארן אין א Rockland County איינוואוינער.
- פאר יעדע באוואוסטע פאל פון פאליא, קען זיין הונדערטער אנדערע מענטשן אנטצינדן מיט די קראנקהייט.

**ווער איז אין געפאר?**

- ניי געבוירענע וואס זענען צו יונג צו ווערן אימיוניזירט קעגן פאליא.
- קינדער 2 יאר אלט און יונגער וואס האבן נישט אלע זייערע פאליא שאטס.
- ערוואקסענע וואס זענען נישט אימיוניזירט אדער נישט אפ-טו-דעיט מיט זייער אימיוניזאציע, אריינגערעכנט די וואס זענען טראגעדיג.

**עס איז נישטא קיין היילונג פאר פאליא. אימיוניזאציע איז באשיצונג**
פאליא אימיוניזאציע איז פארזיכערט, 99% ווירקזאם, און האט באשיצט מיליאנען מענטשן פאר צענדליגע יארן.

**וויאזוי קען איך באשיצן מיך און מיינע קינדער?**
דער בעסטער וועג איז דורך בלייבן אפ-טו-דעיט אויף די פאלגענדע פאליא אימיוניזאציע סקעדזשול:

**קינדער זאלן באקומען:**
דאזע 1: 6 וואכן - 2 מאנאטן
דאזע 2: 4 מאנאטן
דאזע 3: 6 ביז 18 מאנאטן
דאזע 4: 4 ביז 6 יאר

**ערוואקסענע, אריינגערעכנט טראגעדיגע מענטשן:**
זאלן באקומען 3 דאזעס אויב זיי זענען נישט וואקסינירט אדער אויב זיי זענען נישט זיכער אויב זיי זענען געווארן וואקסינירט.

**ערוואקסענע וואס האבן נאר געהאט 1 אדער 2 דאזעס פון די פאליא וואקסין:**
זאלן באקומען די פארבליבענע 1 אדער 2 דאזעס, נישט קיין חילוק ווי לאנג עס איז געווען זינט די פריערע דאזעס.

**ערוואקסענע וואס זענען ביי א העכערע ריזיקע פון אויסגעשטעלטקייט צו פאליא, אפילו אויב זיי האבן געענדיגט א רוטין סעריעס פון פאליא וואקסין:**
קענען באקומען איין לעבנסלענגליכע בוסטער דאזע פון אומאקטיוויזירטע פאליא וואקסין (Inactivated polio vaccine, IPV).

וואס איר דארפט וויסן וועגן

# פאליא

סימפטאמען, פארשפרייטונג, און פארמיידונג

**וואס זענען די סימפטאמען פון פאליא?**

די געווענליכע סימפטאמען קענען זיין מילד און ענליך צו א פלו און קענען נעמען ביז 30 טעג ארויסצוקומען.

- ווייעדיגע האלז
- פארמאטערטקייט
- פיבער
- קאפווי
- שטייפקייט אדער מוסקל ווייטאג
- ברעכן

נישט יעדער וואס האט די פאליא ווירוס וועט האבן סימפטאמען, אבער זיי קענען נאך אלס פארשפרייטן די ווירוס צו אנדערע.

די וואס זענען נישט וואקסינירט אדער נישט אפ-טו-דעיט מיט זייער פאליא אימיוניזאציעס קענען אנטוויקלען ערנסטע סימפטאמען, אריינגערעכנט אייביגע פאראליזירונג (נישט קענען רירן טיילן פון די קערפער) און אפילו טויט. פון די וואס ווערן פאראליזירט, שטארבן 5-10% ווען זייער אטעם מוסקלען זענען אפעקטירט.

**וויאזוי ווערט פאליא פארשפרייט?**

- פאליא איז זייער אנשטעקיג, און מענטשן קענען פארשפרייטן די ווירוס אפילו אויב זיי האבן נישט סימפטאמען.
- פאליא פארשפרייט זיך פון מענטש-צו-מענטש דורך בארירונג מיט די ארויסגאנג, ניסט, אדער הוסט טראפלעך פון אן אנגעשטעקטע מענטש.
- דאס קען געשען ווען איינער איז אין נאנטע בארירונג מיט א קראנקע מענטש, אזוי ווי ביים זיך אפגעבן מיט זיי אדער זיך טיילן עסן אדער עסצייג מיט זיי.

**וויאזוי קען איך פארמיידן פאליא? ווערט אימיוניזירט!**

- מאכט זיכער אז איר און אייערע קינדער זענען אפ-טו-דעיט מיט אייער פאליא אימיוניזאציעס.
- וואשט אייערע הענט מיט זייף צו העלפן פארמיידן דעם פארשפרייטונג פון באצילן.
- זייט וויסן אז אלקאהאל-באזירטע סאניטייזערס ארבעטן נישט גוט אויף געוויסע סארטן באצילן, אזוי ווי פאליא.

**ווילט מער אינפארמאציע?**

health.ny.gov/polio/immunization

**פארבינדט זיך מיט א העלטקעיר פראוויידער אדער סקעדזשולט אן אומזיסטע אפוינטמענט היינט.**